זיך מיט אַ ברודער, און דאָס דאָזיקע (טוט ער) פאַר
די אומגלויביקע! איבערהויפּט איז עס שוין אַ ירידה 7
פאַר אייך, אַז איר האָט צווישן זיך משפטים. פאַר־
וואָס ליידט איר נישט ליבער אַן עוולה? פאַרוואָס
לאָזט איר זיך נישט ליבער באַרויבן? נאָר איר 8
אַליין טוט עוולות און באַרויבט, און דאָס דאָזיקע
(טוט איר צו) ברידער! אָדער ווייסט איר נישט, 9
אַז רשעים וועלן נישט ירשענען דאָס קעניגרייך פון
ג־ט? באַטריגט זיך נישט אַליין: נישט קיין זונים,
נישט קיין געצנדינער, נישט קיין נואפים, נישט
קיין בעלי־תאוות, נישט קיין מענטשנשענדער,
נישט קיין גנבים, נישט קיין (געלט) גיריקע, נישט 10
קיין זויפער, נישט קיין לעסטערער, נישט קיין
רויבער, וועלן ירשענען דאָס קעניגרייך פון ג־ט.
און אַזעלכע זענען אייניקע פון אייך געווען; נאָר 11
איר זענט געוואַשן געוואָרן; נאָר איר זענט געהייליקט
געוואָרן, נאָר איר זענט גערעכטפערטיקט געוואָרן
אין דעם נאָמען פון דעם האַר ישוע המשיח און אין
דעם גייסט פון אונזער ג־ט.
אַלץ איז מיר מותר; אָבער נישט אַלץ איז 12
גוט (פאַר מיר). אַלץ איז מיר מותר; אָבער איך
וויל פון גאָרנישט ווערן באַהערשט. מאכלים 13
פאַרן בויך, און דער בויך פאַר די מאכלים; ג־ט וועט
אָבער דאָס און יענע פאַרניכטן. דער גוף איז
נישט פאַר זנות, נאָר פאַר דעם האַר; און דער האַר
פאַר דעם גוף; און ג־ט האָט אויפגעוועקט דעם 14
האַר (פון די טויטע), און וועט אונז אויך אויפוועקן
דורך זיין גבורה. צי ווייסט איר דען נישט, אַז 15
אייערע גופים זענען אברים פון דעם משיח? זאָל
איך זשע נעמען די אברים פון משיח און זיי
מאַכן פאַר די אברים פון אַ זונה? חס ושלום!